**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט 'צוריק אין שולע' וואך מיט נייע געזעצן און קריטישע אינוועסטירונגען צו שטיצן מחנכים/ות

***פארטיילט ערשטע רונדע פינאנצירונג אין 30 מיליאן דאלארדיגע 'עמפייער סטעיט טיטשער רעזידענסי פראגראם' צו פארגרעסערן די צאל לערער און שטיצן דאס בלייבן אין די ארבעט***

***פינאנצירונג סאָבסידייזט מעסטער'ס דעגרי פאר קוואליפיצירטע לערער קאנדידאטן***

***שרייבט אונטער א ביל (A68A/S2140B) צו אנטוויקלען פראגראמען צו צוציהען קאנדידאטן פון באפעלקערונגען פון וועלכע עס זענען דא ווייניג לערער צו דעם חינוך פעלד***

***שרייבט אונטער א ביל (S1746/A1120) צו אנטוויקלען און איינפירן פראגראמען צו פארמיידן ארבעטספלאץ געוואלדטאטן אין פובליק סקולס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט שריט צו פארברייטערן און שטיצן די ארבעטסקראפט פון לערער/ינס אין ניו יארק סטעיט. ביי א געשעעניש אפגעהאלטן ביי די United Federation of Teachers, האט גאווערנער האקול אנאנסירט די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג פארטיילונגען פון דעם 30 מיליאן דאלארדיגן 'עמפייער סטעיט טיטשער רעזידענסי פראגראם' (Empire State Teacher Residency Program). אין צוגאב האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א ביל פאראדנענדיג די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט צו ארויסגעבן אנווייזונגען פאר סקול דיסטריקטס צו אנטוויקלען פראגראמען צו צוציהען קאנדידאטן פון באפעלקערונגען פון וועלכע עס זענען דא ווייניג לערער אריין צו דעם חינוך פעלד, און אזוי אויך א ביל צו אנטוויקלען און איינפירן פראגראמען צו פארמיידן ארבעטספלאץ געוואלדטאטן אין פובליק סקולס.

"לערער נעמען אויף זיך די קריטישע אויפגאבע פון מחנך זיין און צוגרייטן אונזערע קינדער פאר אן ערפאלגרייכע צוקונפט, און מיר האבן די פאראנטווארטליכקייט צו זיכער מאכן אז זיי האבן די נויטיגע מיטלען און טרענירונג זיי צו שטיצן אין די וויכטיגע אויפגאבע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר ארבעטן שווער צו אויפבויען אן ערשט-קלאסיגע פובליק עדזשוקעישען סיסטעם אין ניו יארק, און אונזער אינוועסטירונג אין אונזערע לערער איז א הויפט באשטאנדטייל פון אונזער הצלחה."

אין די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג פון דעם עמפייער סטעיט טיטשער רעזידענסי פראגראם, באקומען מערערע סקול דיסטריקטס און BOCES א סך הכל פון 11.9 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו אויפשטעלן צוויי-יאריגע רעזידענסי געלעגנהייטן פאר לערער קאנדידאטן אויף די שטאפל פון מעסטער'ס דעגרי פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס. די פראגראם אנטיילנעמער וועלן באקומען עכטע ערפארונג מיטן אויסלערנען קלאסן אונטער די אויפזיכט פון באגלייטנדע לערער.

גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן א ביל (A68A/S2140B) וואס פאראדנט דעם קאמישאנער פון די סטעיט עדזשוקעישען דעפּארטמענט צו ארויסגעבן אנווייזונגען – זיך דורכרעדנדיג מיט מוסדות פון העכערע בילדונג – פאר סקול דיסטריקטס און באורדס פון קאאפעראטיווע עדזשוקעישען סערוויסעס (boards of cooperative educational services, BOCES) צו אנטוויקלען פראגראמען צו צוציהען קאנדידאטן פון באפעלקערונגען פון וועלכע עס זענען דא ווייניג לערער אריין צו דעם חינוך פעלד און צו טרעפן עקזיסטירנדע פינאנצירונג וואס איז דא צו באקומען פאר סקול דיסטריקטס פאר אזעלכע צוועקן.

**סטעיט סענאטאר דזשאן ליו האט געזאגט,** "די מחנכים פון אונזערע סקול קינדער דארפן אפשפיגלען די פארשידנארטיגקייט פון די קינדער אין די סקולס, און 'ציהט אויף אייערע אייגענע' (Grow Your Own) פראגראמען אפפערן א צוגאנג וואס איז בדוק ומנוסה סיי פארן אויפנעמען גוטע לערער און סיי ביים שטיצן א סביבה וואס פלעגט בעסערע געדאנקען, בעסערע תוצאות און לעכטיגערע צוקונפטן פאר יעדן. 'ציהט אויף אייערע אייגענע' איניציאטיוון וועלן באפולמעכטיגן אונזער עדזשוקעישען סיסטעם צו אדרעסירן די קלארע מאנגל אין פארשידנארטיגקייט צווישן די ראנגען פון ניו יארק'ס לערער מיט צוציהען און אויפהאלטן נייע קאנדידאטן און אזעלכע פון באפעלקערונגען פון וועלכע עס זענען דא ווייניג לערער — אריין צו דעם חינוך פעלד. א דאנק אייך גאווערנער האקול פארן אנהויבן די שולע יאר מיט די שטארקע מעסעדזש אז ניו יארק ארבעט כסדר צו זיכער מאכן אז אונזערע קלאסצימערן זענען אין די בעסטע פאזיציע צו קענען צושטעלן א שטארקע, יסודות'דיגע חינוך פאר אלע אונזערע קינדער."

**אסעמבלי מיטגליד נעידער סעיעג האט געזאגט,** "אלץ א לעבנסלענגליכער מחנך פארשטיי איך און איך האב ארויס די וויכטיגקייט פונעם האבן לערער און שולע איינגעשטעלטע וועלכע זענען פארשידנארטיג אין אפשטאם און אין ראסע. מיט אונזערע פארגעזאגטע מאנגלען אין דעם חינוך פעלד, איז עס צייט צו מוטיגן אונזער יונגווארג צו ווערן לערער און באזונדערס די וועלכע קומען פון קאמיוניטיס פון וואו עס זענען דא ווייניג לערער. מיין ביל, "ציהט אויף אייערע אייגענע איניציאטיוו" (סעיעג A.0068), געשטיצט דורך לאקאלע און סטעיט לערער ארגאניזאציעס, וועט ערר‎ייכן געווי דאס. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פארן אריינשרייבן די ביל אינעם געזעץ, באזונדערס אזוי ווי אונזערע סקול קינדער קערן זיך צוריק צו אן אקאדעמיש-באלוינענדע שולע יאר."

גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן א ביל (S1746/A1120) וואס וועט פארלאנגען פון פובליק סקול דיסטריקטס צו אנטוויקלען און איינפירן פראגראמען צו פארמיידן ארבעטספלאץ געוואלדטאטן, אויף די זעלבע וועג ווי אנדערע רעגירונג ארבעטסגעבער.

**סטעיט סענאטארשע דזשעסיקע ראמאָוס האט געזאגט,** "אלץ מאמע פון צוויי קינדער אין פובליק סקול, ווייס איך אז די זיכערהייט פון די מחנכים פארשטערקערט בלויז די זיכערהייט פון די סקול קינדער. פובליק סקול מחנכים, מנהלים און אנדערע איינגעשטעלטע האבן געבעטן פאר די מעגליכקייט צו אונטערנעמען שריט נאך פון פאר עפעס געשעהט צו שאפן זיכערע און נערנדע לערנונג אטמאספערעס, און עס איז מיר אן עהרע אז איך האב געקענט שפילן א ראלע ביים אריבערברענגען די בילס ביזן ענדע. א דאנק אייך גאווערנער האקול פארן אונז העלפן אנהויבן די שולע יאר מיטן אנערקענען און שעצן די ארבעטסקראפט וואס מאכט אונזערע קינדער'ס סקולס ספעציעל."

די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג גרענטס אין דעם עמפּייער סטעיט טיטשער רעזידענסי פראגראם זענען ווי פאלגנד:

- **איסטערן סופאָלק BOCES -** ‎$4,590,000 צו ארייננגיין אין א שותפות מיט 51 סקול דיסטריקטס צו שטיצן 153 טיטשער רעזידענטס.
- **אלבאני סיטי סקול דיסטריקט -** ‎$150,000 צו שטיצן 5 טיטשער רעזידענטס.

- **טשעטעם צענטראלע סקול דיסטריקט -** $30,000 צו שטיצן 1 טיטשער רעזידענט.
- **ווארענסבורג צענטראלע סקול דיסטריקט -** $52,000 צו שטיצן 2 טיטשער רעזידענטס.
- **מאנראו 2 ארליענס BOCES -** $3,600,000 צו שטיצן 120 טיטשער רעזידענטס.
- **ראטשעסטער סיטי סקול דיסטריקט -** $1,160,000 צו שטיצן 40 טיטשער רעזידענטס.
- **יוטיקע סיטי סקול דיסטריקט -** $300,000 צו שטיצן 10 טיטשער רעזידענטס.
- **אָלסטער BOCES -** $269,595 צו שטיצן 9 טיטשער רעזידענטס.
- **ראקלענד BOCES -** $300,000 צו שטיצן 10 טיטשער רעזידענטס.
- **סירעקיוס סיטי סקול דיסטריקט -** $1,500,000 צו שטיצן 50 טיטשער רעזידענטס.

די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט פראגראם, אנגעהויבן לעצטער אקטאבער, איז טייל פון אן אונטערנעמונג וואס שטופּט פאר פארשידנארטיגקייט אין די חינוך ארבעטסקראפט דורכן פינאנצירן מעסטער'ס דעגריס פאר טיטשער רעזידענטס. עס אדרעסירט אויך לערער מאנגלען אין ראיאנען וואס האבן א גרויסע נויט פאר א רייע פון קלאסן, אריינרעכענענדיג ענגליש, ספעציעלע עדזשוקעישען, צוויי-שפראכיגע עדזשוקעישען, קאריערע און טעכנישע עדזשוקעישען און נאך.

נאך בעפארשטייענדע גרענטס וועלן אנאנסירט ווערן יעדע איינס ווען עס ווערט ארויסגעגעבן. די אויסדערוועהלטע פראגראמען פארבינדן פובליק סקול דיסטריקטס און/אדער BOCES מיט די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY), סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) און/אדער מיט פריוואטע קאלעדזשעס. פראגראמען קענען זיך באנוצן מיט די פינאנצירונג צו צושטעלן רעדוצירטע אדער אומזיסטע שכר לימוד פאר לערער קאנדידאטן וועלכע שטודירן צו באקומען א מעסטער'ס דעגרי, אריינרעכענענדיג ביכער און זייטיגע באצאלונגען, רעזידענט געהאלטן און בענעפיטן און אזוי אויך טאשן געלט פאר לעבן אויסגאבן. די טאשן געלט ערלויבן גרינגערע צוטריט אריין צו דעם פעלד פאר מענטשן וואס ווילן ווערן לערער פון פארשידענע הונטערגרונטן.

טיטשער רעזידענסי פראגראמען האבן זיך אויפגעוויזן צו פארגרעסערן די צאל לערער וואס בלייבן אין דעם חינוך פעלד און אזוי אויך צו פארבעסערן די ערפארונג פון נייע מחנכים. די פראגראמען פארברייטערן צוטריט פאר קאמיוניטיס וועלכע טרעפן זיך אפט אן מיט שוועריגקייטן ביים רעדוצירן קאסטן און ביים אנרייצן לערער צו ארבעטן אין געגנטער וואו עס איז דא א מאנגל.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "לערער זענען א קריטישע באשטאנדטייל פון אונזער ארבעטסקראפט. די מחנכים זענען אפט די ערשטע צו אריינלייגן אן אייפער אין סקול קינדער – די יורשים פון אונזער עקאנאמישע צוקונפט – צו באטראכטן קאריערעס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן שטיצן שעפערישע פראגראמען וועלכע פארבעסערן אונזער עדזשוקעישען סיסטעם."

**סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק טשענסעלאר, דזשאן קינג, האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער סקול קינד צו האבן דעם לערער וואס פירט זיי צו נייע הייכן פון דערגרייכונג וואס זיי וואלטן אפשר נישט געטראכט אז עס איז מעגליך. מר. אסטערוויל איז געווען דער לערער וואס האט דאס געטוהן פאר מיר, און צוזאמען מיט די מאנשאפט ביי פובליק סקול 276 אין קאנארסי, ברוקלין — האט ער געמאכט סקול פאר א זיכערע פלאץ און געעפנט מיין מוח צו שטודירן ווייטער און עווענטועל צו אריינגיין אין א קאריערע פון בילדונג. SUNY איז די סטעיט'ס גרעסטע מוסד וואס גרייט צו לערער, און מיר זענען שטאלץ צו העלפן איינפירן גאווערנער האקול'ס חזון צו שטיצן מחנכים פון אלע שיכטן און קרייזן און די סקול קינדער וועם זיי אינספירירן."

**סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק טשענסעלאר, פעליקס וו. מאַטאָוס ראדריגעז, האט געזאגט,** "אלס אן אוניווערסיטעט וואס בילדט א דריטל פון נייע לערער פאר ניו יארק סיטי פובליק סקולס יעדעס יאר, און אלס א מוסד וואס גיבט ארויס מער מעסטער'ס דעגריס אין חינוך ווי פאר סיי וועלכע אנדערע שטודירונג פעלד — וועט CUNY טוהן איר חלק צו פארזיכערן די הצלחה פון דעם עמפייער סטעיט טיטשער רעזידענסי פראגראם. CUNYאיז שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו אדרעסירן די מאנגל אין פארשידנארטיגע און גוט-צוגעגרייטע לערער אין אונזער סטעיט'ס פובליק סקולס, צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו צושטעלן פובליק עדזשוקעישען פאר קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס פון די העכסטע קוואליטעט און צו פאראויס שטופן דעם חינוך פעלד."

**ניו יארק סטעיט United Teachers פרעזידענט, מעלינדע פערזאן, האט געזאגט,** "מיר האבן ערפאלגרייך געקעמפט צו פארשטערקערן אונזערע סקולס אריבער די סטעיט מיט מיטלען פאר די גייסטישע, פיזישע און עמאציאנאלע געזונטהייט פון אלע אונזערע סקול קינדער און איינגעשטעלטע. און דערפאר מוזן מיר ווייטער ארבעטן פון פאראויס צו היטן אויף אונזערע לערנונג אטמאספערעס אלס זיכערע פלעצער. די היינטיגע שריט וועלן גיבן פאר עלטערן און קינדער די זעלבסט זיכערהייט אז אונזערע קלאס צימערן שטעלן זיי ארויף אויף די רעלסן צו הצלחה וואס קומט זיך זיי, און זיי וויזן פאר מחנכים אז ניו יארק קימערט זיך מיטן שטיצן שטאנדהאפטיגע און ציהענדע קאריערעס וואו זיי קענען בליהען."

**United Federation of Teachers פרעזידענט, מייקעל מולגרו, האט געזאגט,** "אונזער פארשידנארטיגקייט איז אונזער גרעסטע שטארקייט. מיר באדאנקען די גאווערנער און אונזערע פובליק עדזשוקעישען שותפים אין אלבאני פארן אונז גיבן נאך כלים צו טוהן די וויכטיגע ארבעט."

דאס בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס לאנד'ס-פירנדע עדזשוקעישען איניציאטיוו צו אדרעסירן די מאנגל אין לערער, אריינרעכענענדיג פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר עדזשוקעישען אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, אריינרעכענענדיג 34.5 ביליאן דאלאר אין סקול הילף (School Aid). די בודזשעט רעכנט אויך אריין 24 ביליאן דאלאר פאר פאַונדעישען עיד, ערפילנדיג גאווערנער האקול'ס צוזאג צו פולשטענדיג אויסצאלן פאַונדעישען עיד צום ערשטן מאל אין היסטאריע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418